ALGEMEINER.COM NEIT GEN אלגעמיינער

Click Here To Print

# חסידות גער פאַרן כלל ישראל

## דער אונטערשיד צווישן חסידות קאָצק און גערער חסידות. – לכבוד ה' שבט, דער יאָרצייט פונעם "שפת אמת" זצ"ל, צווייטער רבי פון דער גערער חסידישער דינאַסטיע.

**• פון הרב שמחה עלברג ז"ל**


דער גערער רבי זצ"ל, הצדיק רבי אברהם מרדכי אַלטער זצ"ל, באַקאַנט אַלס דער בעל "אמרי אמת"

דער גערער רבי זצ"ל, הצדיק רבי אברהם מרדכי אַלטער זצ"ל, באַקאַנט אַלס דער בעל "אמרי אמת", איז געווען דער, וואָס האָט אַריינגעבלאָזן אַ נשמה אין קערפער פון פוילישן אידנטום, אַ נשמה, וואָס האָט וויברירט ביז צו דער לעצטער מינוט פון חורבן אייראָפּע.

אין די לעצטע דרייסיק יאָר פאַרן היטלער-חורבן, איז טויזנט יאָר פּויליש אידנטום געוואָרן גייסטיק באַדראָט פון בייזע ווינטן, וואָס האָבן מיט אַ צעשטערנדיקער קראַפט זיך באַמיט צו פאַרניכטן די פעסט-איינגעפונדעוועטע פונדאַמענטן, אויף וועלכע טויזנט יאָר פּויליש אידנטום האָט זיך געבויט. די מאָדערנע ציוויליזאַציע האָט, מיט כישוף-מיטלען, באַהערשט אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט, אַרויסרייסנדיק איר פון די בתי-מדרשים. דער זוהן האָט רעוואָלטירט קעגן דעם "פאַנאַטישן" טאַטן; די טאָכטער קעגן דער "אַלטמאָדישער" מאַמען, לויפנדיק זוכן גליקן אין פרעמדע גערטנער.

פאַרשיידענע איזמען, ווי ציוניזם, בונדיזם, האָבן געריסן שטיקער פון אָרטאָדאָקסישן קערפּער. עס איז געווען אַ שטורם און דראַנג-עפּאָכע. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען.

דער ציוניזם האָט גערייצט די פאַנטאַזיע פון דער יוגנט. דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין וואָס מער ברייטע קרייזן. די תורה-פעסטונג פון פּוילישן אידנטום, די חומות-הדת האָבן זיך אָנגעהויבן ברעכן.

די אָרטאָדאָקסיע איז אַריין אין אַ טיפער פאַרצווייפלונג, געבראָכן זיך די הענט פון ווייטיק, צוזעענדיק איר כסדר'דיקע ירידה. אין שטילע נעכט האָבן עלטערן, טאַטעס, מאַמעס, געוויינט, מיט הייסע טרערן, אויפן גורל פון זייערע קינדער, וועלכע ווערן אָפּגעריסן פון זייער שורש. דאָס היסטאָרישע, מסורה'דיקע געשטאַלט פון טויזנט-יאָריקן פּוילישן אידנטום, האָט אָנגעהויבן באַקומען אַן אַנדער צורה, וואָס איז געווען פרעמד דער אידישער טראַדיציע.

וואָס טוט מען כדי צו ראַטעווען פּויליש אידנטום פון גייסטיקן אונטערגאַנג? – האָבן זיך פון אַלע זייטן געהערט קרעכצנדיקע שטימען. ווי אַזוי באַפרייט מען זיך פון די פרעמדע, פאַלשע אידעאָלאָגיעס, וואָס האָבן מיט צויבער פאַרכאַפּט די אידישע גאַס? פינצטער איז געווען אין אַ סך ווינקעלעך פון אידישן לעבן. שווערע, טונקעלע כמאַרעס האָבן פאַרדעקט דעם אידישן הימל, און מ'האָט געזוכט כאָטש אַ שיין פון ליכט, וואָס זאָל פאַרטרייבן די פינצטערניש. פון טאָג צו טאָג איז די לאַגע געוואָרן ערגער, נישט געפינענדיק קיין קעגן-מיטל, וואָס זאָל צוימען דעם וועג פון די אַלע "מחבלי הכרמים", ביז עס האָט זיך דעמאָלט באַוויזן אַ מלאך-אלקים אין דער געשטאַלט פון גערער רבי'ן זצ"ל, וועלכער האָט אָפּגעשטעלט די געפערלעכע מגיפה.

גער האָט געבראָכן די מויער פון פאַסיוויטעט, וואָס האָט, אין יענער עפּאָכע, באַהערשט דאָס רעליגיעזע אידנטום. גער האָט איבערגעריסן מיט דער

איינגעוואָרצלטער מורא פון פּראָבירן אויפטאָן עפּעס ″נייעס″. יעדער נייער עקספּערימענט האָט געשראָקן מיט טויזנט אויגן. יעדער נייער, נישט-אויסגעפּרואוווטער מיטל האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד, ווייל ″חדש אסור מן התורה″. דאָס רעליגיעזע אידנטום האָט זיך הערמעטיש אָפּגעשלאָסן פון דער מאָדערנער אידישער וועלט. יעדער נייער עקספּערימענט צו ענדערן דעם מסורה׳דיקן וועג, אויף וועלכן היסטאָריש אידנטום האָט געשפּאַנט אין זיין לאַנגער, טראַדיציאָנעלער געשיכטע, איז באַטראַכט געוואָרן אַלס רעאַלע סכנה פאַר דער תורה-העגעמאָניע און איר השפּעה אויף דעם טראַדיציאָנעלן לעבן פון אידישן פאָלק.

די אַלטע, טראַדיציאָנעלע אידישע וועלט האָט זיך שטענדיק אָפּגעשלאָסן אין געצוימטע דלת-אמות, און מורא געהאַט זיך צו באַנוצן מיט נייע מיטלען, אַפילו פאַר די הייליקסטע צוועקן. ″גער″ האָט געהאַט שוואונג און גלויבן, מוט און איבערצייגונג, און איז אַרויס מיט אַ רעוואָלוציאָנערער לאָזונג צו אָרגאַניזירן דעם ″מחנה לוי″ אין איין פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע. און אויב עס נויטיקן זיך פאַר דעם צוועק מאָדערנע כלים, אַ פּרעסע, אַ שולע פאַר מיידלעך (אין ″בית-יעקב″ געשטאַלט) איז אַ גרויסע מצוה דאָס צו שאַפן. און די דאָזיקע נייע ווענדונג האָט אָפּגעראַטעוועט אַ גרויסן טייל פון דער אידישער יוגנט פון די נעגל פון אַסימילאַציע. ″גער″ האָט אָפּגעראַטעוועט די גלאָריע פון טויזנט-יאָריקן פּוילישן אידנטום, און גלייכצייטיק פאַרזיכערט די צוקונפט פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום איבער גאָר דער וועלט.

″גער″ איז נישט געבליבן אַליין. ″גער″ האָט געהאַט פּרעסטיזש, אויטאָריטעט און איינפלוס. אויף זיין רוף האָבן זיך באַלד אָפּגערופן די גרעסטע אדמורי″ם פון פּוילן, אין אַ גרויסער צאָל. ″גער″ האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַרן אגודת-ישראל-בניין, און דערנאָך זיינען אויך געקומען אַנדערע, העלפנדיק צו פאַרשטאַרקן די אגודת-ישראל-אידייע. אַלע ליטווישע ראשי ישיבה – מיט דעם חפץ-חיים און רבי חיים עוזר זצ″ל, בראש, – האָבן געבענטשט די איניציאַטיווע פון גערער רבי׳ן, זעענדיק אין אגודת-ישראל אַ לייכט-טורם, אַ מאַגנעטישן כוח, וואָס וועט פאַראייניקן אַלע תורה-טרייע אידן אין איין ″חטיבה″, אין איין פאַראייניקטער גאַנצקייט.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער אייגנטלעכער מהות פון ″גער″?

תורה און חסידות אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט. ″גער″ האָט געלערנט, אַז די נשמה פון אַ איד דריקט זיך אויס אין חסידות ווי אין תורה, און אַז עס איז נישטאָ קיין חסידות אָן תורה, אין העכערן זין. פאַראַן צווייערליי מקוואות, אַ מקווה פון וואַסער און אַ מקווה פון תורה. די חז″ל זאָגן אונדז: ″כנחלים נטיו כגנות עלי נהר, מה נחלים מעלין את האדם מטומאה לטהרה, אף אהלים (בתי מדרשות, רש″י) מעלים את האדם מכף חובה לכף זכות″ (ברכות דף ט″ז עמוד א׳). פּונקט ווי אַ נחל – אַ טייך, רייניקט אַ מענטש פון טומאה, גייענדיק דאָרט טבילה, אַזוי רייניקט תורה דעם מענטש פון טומאה. זי נעמט פון אים אַוועק זיינע עבירות און ער ווערט אַ מענטש פון זכותים.

לערנט ″גער″, אַז אין צוויי מקוואות דאַרף אַ איד זיך טובל׳ען. פּונקט ווי אַ חסיד טובל׳ט זיך אין אַ מקווה פון פערציק סאה וואַסער, וואָס רייניקט אים פון אַלע טומאות, אַזוי דאַרף ער זיך טובל׳ן אין וואַסער פון תורה. ″הוי כל צמא לכו למים″ (ישעיה נ″ה, א׳). אַלע דורשטיקע, קומט נאָך וואַסער. וואָס באַדייט ″לכו למים″? מיט וועלכן וואַסער זאָל מען שטילן דעם דורשט? איז דער ענטפער: ″אין מים אלא תורה″. און אַזוי שרייבט דער רמב″ם: ″כיון שהסכים בלבו לפרוש מאותן העצות והביא נפשו במי הדעת טהור, הרי הוא אומר וזרקתי עליכם מים טהורים″ (רמב″ם, סוף הלכות מקוואות).

תורה איז אַ מקווה-טהרה, און ווען איז אַ מקווה מטהר? כדי אַ מקווה זאָל רייניקן דעם מענטש פון טומאה, מוז דער מענטש וואָס טובל׳ט זיך, אַריינגיין אין וואַסער מיטן גאַנצן קערפּער. אַלע זיינע איברים, פון די פיס ביז איבערן קאָפּ, מוזן זיך טונקען אין וואַסער. אַנדערש ווירקט נישט די מקווה צו מאַכן אים פון אַ טמא אַ טהור. און פּונקט אַזוי, אין זעלבן זין, איז די מקווה טהרה פון תורה. מיט אַלע זיינע חושים, מיט אַלע זיינע געדאַנקען, דאַרף דער מענטש זיך קאָנצענטרירן, כדי צו קענען געניסן פון תורה-קוואַל.

″גער″ האָט זיך באַוויזן אויף דער אַרענע פון חסידות מיט צוויי באַזונדערע כוחות, מיטן יראה-כוח און גלייכצייטיק מיט אַ תורה-כוח, ווערנדיק צווישן זיך געבונדן אין

איין ענגער האַרמאָניע. און ווען יראה ווערט אינספּירירט פון תורה, ווען יראה גייט צוזאַמען מיט גדלות-התורה, איז די יראה פון אַ גאָר אַנדערער מדרגה. זי איז אַ פּיל טיפערע, אַ מער דויערהאַפטיקע, און זי ווערט איינגעזאַפּט אין מענטשנ'ס בלוט.

אין ראש-חודש בענטשן זאָגן מיר איין מאָל: "חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא", און גלייך, מיט עטלעכע שורות ווייטער, חזר'ט מען איבער: "חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים". אין פלוג איז די תפילה פאַר יראת שמים אַן איבער'חזרונג, אַ דופּליקאַציע, צוויי מאָל צו בעטן די זעלבע תפילה.

זאָגט דערויף דער בריסקער רב, הגאון ר' יצחק זאב סאָלאָווייטשיק זצ"ל: די צווייטע תפילה איז ווייט נישט קיין ווידערהאָלונג פון דער ערשטער. די צווייטע תפילה, "שתהא בנו אהבת תורה", איז ווייט, ווייט נישט די זעלבע, ווייל ווען יראת שמים פליסט אַרויס פון אהבת תורה, איז דעמאָלט די יראה גאָר אַן אַנדערע, ווייט נישט גלייך צו דער יראה פון איד, וואָס איז נישט קיין פּראָדוקט פון אהבת התורה.

"ולא עם הארץ חסיד" איז אַן אַנגענומענער אַקסיאָם. און ווער שמועסט נאָך אויב גדלות התורה איז די באַזע פאַר יראה, דעמאָלט לייכט די יראה מיט אַ סך אורות.

"גער", פון דעם חידושי הרי"ם – דער עילוי פון פּוילישן אידנטום – וועמענס גאונות איז געווען אַ הקדמה צו זיין רביסטווע, און נאָך אים אַלע אַנדערע אדמורי"ם פון גער, האָבן אפעררירט מיט די דאזיקע געוואלדיקע צוויי כוחות, מיט תורה ווי מיט יראה. "גער" איז תמיד געווען אַ באַלעבאָס איןביידע וועלטן, אין דער וועלט פון חסידות און אין דער רייכער וועלט פון תורה, שפּאַצירנדיק אין תורה-גאָרטן צוזאַמען מיט די גרעסטע תורה-ריזן פון דור.

גער האָט נישט געקענט צוימען איר שטראָמענדיקן קוואַל פון ברענענדיקער יראה, פון וועלכן גאַנצע דורות האָבן געשעפּט פולע עמערס, דערקוויקנדיק מיט זייערע טראָפּנס דורשטיקע נשמות. האָט אָבער "גער" – די "גער" נאָכן חידושי הרי"ם, נאָך איידער ער האָט, אַלס חסיד פון קאָצק, אָנגעהויבן צו פירן זיין רביסטווע – אָט-די "גער" האָט פאַרמאָגט דעם כוח צו פאַרבלייבן אַ נסתר אין דער נגלה-וועלט.

פרעגט זיך: האָט די וועלט געוואוסט, אַז דער "שפת אמת" איז אַ גאון אין אַ גרויסן מאָסשטאַב, אַ גאון, אַן עמקן מיט אַן אייגנאַרטיקן דרך-הלימוד, געבויט אויף טיפער הבנה און עמקות? האָט מען ביים לעבן פונעם "שפת אמת" געוואוסט וואָסער גוואַלדיקן כוח החידוש דער "שפת אמת" באַזיצט? איך רעד נישט פון פרעמדע חסידים, נישט גערער, נאָר אַפילו נאָענטע חסידים זיינע האָבן נישט געוואוסט וועגן זיין גוואַלדיקער גדלות התורה. האָט ווער דעמאָלט געטראַכט, אַז דער "שפת אמת" שרייבט חידושים, וועלכע וועלן, מיט זיבעציק-אַכציק יאָר שפּעטער, נישט אַראָפּגיין פון די טישן אַפילו פון די ליטווישע ישיבות? פאַרוואָס? – ווייל זיינע חידושים זיינען געבויט אויף פעסטע, טיפע, הבנה'דיקע יסודות. דער "שפת אמת" אויף חומש, ווי די ספרים "שפת אמת" אויף מועד און קדשים, זיינען פון די טיפסטע, אָריגינעלסטע ספרים.

דער ספר אויף חומש איז נישט אַ ספר בלויז צו קוקן, נאָר אַ ספר צו לערנען, איין מאָל און נאָך אַמאָל, ביז מען דרינגט אַריין אין זיין טיפן אינהאַלט, ווייל מיט בלויז אַ שטחיות'דיקן בליק קען מען נישט פאַרשטיין דעם אינהאַלט, וואָס ליגט באַהאַלטן אין יעדן "זאָג", און נישט בלויז אין מחשבה. אַ סך פון זיי זיינען געבויט אויף קבלה'דיקע באַזעס. אויך אין דעם איז דער "שפת אמת" געווען גרויס. נישט בלויז האָט ער אַרויסגערופן באַוואונדערונג און שטוינונג אין דער חסידישער וועלט מיט זיין ספּעציפישן מהר"ל-צוגאַנג, נאָר מיט זיין גאונות אין נגלה האָט ער אַרויסגערופן התפעלות אויך אין דער לומדישער ליטווישער וועלט.

פונקט ווי דער "שפת אמת" אויף חומש איז געשריבן מיט אַ לשון-קצרה-שפּראַך, און מען מוז, איין מאָל און נאָך אַמאָל, פאַרטראַכטן זיך טיף, טיף כדי צו פאַרשטיין זיין אמת'ן מיין, אַזוי ווערט זיין יעדער חידוש אין הלכה אויסגעדריקט קורץ, אין געציילטע שורות, און טיילמאָל, אין געציילטע ווערטער. דאָס וואָס אַנדערע זאָגן אין גאַנצע, לאַנגע מערכות, זאָגט דער "שפת אמת" אין געציילטע שורות.

"לפיכך נקראו ראשונים סופרים, שהיו סופרים כל האותיות שבתורה" (קידושין ל.). מיט דעם וואָרט: "ראשון"-קלאַסיקער, ווערט באַצייכנט איינער וואָס היט יעדעס וואָרט און אות, יעדעס וואָרט דאַרף עפּעס אויסדריקן אַ געדאַנק. אַן איבריק וואָרט אין רמב"ם – האָט רבי חיים בריסקער אונדז געלערנט – נעמט אַוועק די שווערסטע קשיא. אַ צוגעגעבן וואָרט ברענגט אַריין אַ ניי ליכט אין פשט פון דער הלכה. דער "שפת אמת" איז, מיט זיינע הויכע, קדושה'דיקע מדרגות,

דערגאַנגען צום סוד-הצמצום פון וואָרט. אָן סוד-הצמצום וואָלט נישט מעגלעך געווען די בריאה פון דער וועלט, ווי עס לערנט אונדז די קבלה. "ובאתא קלילא" – מיט אַ גרינגען בוכשטאַב, – האָט השם-יתברך באַשאַפן די וועלט. "בהבראם ביום עשות ה' אלוקים ארץ ושמים" (בראשית, ב', ד'). "בהבראם, ללמדך שעולם הזה נברא בה"א" (רש"י, דאָרט). מיט איין-איינציקן אות האָט ג-ט באַשאַפן אַ גאַנצע וועלט. און מיט אַ צוגעלייגט וואָרט, אין די ראשונים, קען מען געפינען גוואַלדיקע חידושים. נישט אין איין אָרט אין זיינע ספרים איז דער "שפת אמת" מכוון צו די רייד פון די ראשונים, וועלכע ער האָט דעמאָלט פאַר זיך נישט געהאַט. אַז מען לערנט בקדושה וטהרה, דערגייט מען צו תורת אמת, און מען טרעפט זיך אויף איין וועג מיט די ראשונים.

גער האָט זיך געבויט אויף דעם אָרעאַל פון "קאָצק". זי האָט געצויגן איר יניקה פון קאָצקער גרויס-השגה'דיקייט. זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך קאָצקער טיפקייט און זיך געשפייזט מיט זיין געדאַנקען-גאַנג. אָבער גער איז באַלד, ביי אירע ערשטע טריט אַלס זעלבסשטענדיק חסידות, אין אַ געוויסער מאָס, אָפּגעטראָטן פון דעם שווערן, קאָמפּליצירטן קאָצקער וועג. זי האָט נישט גערעדט מיט דער ספּעציפישער, שאַרפזיניקער קאָצקער שפּראַך. אָבער זי האָט זייער און זייער געהיטן די קאָצקער קדושה'דיקע יסודות. "קאָצק" איז טאַקע געווען דער פונדאַמענטאַלער יסוד פון גערער חסידות, אָבער זי, גער, האָט געענדערט, אין געוויסע פאַלן, די איבערנאַטירלעכע הנהגה פון "קאָצק", ווייל ס'איז נישט אַזוי לייכט אַריינצוברענגען למעלה-מן-הטבע'דיקע דרכים צווישן ברייטע מאַסן, און "גער" האָט געזוכט אַ וועג צו די ברייטע מאַסן, כדי זיי צו דערנענטערן צום חסידות-קוואַל.

"קאָצק" איז געווען גרויס, למעלה מן השכל, העכער פון מענטשלעכע השגות. אָבער נאָר אויסדערוויילטע, די גרויסע צווישן זיינע תלמידים, האָבן אים פאַרשטאַנען און געקענט נאָכגיין זיינע טריט, פון אָנהויב ביז דעם סוף פון זיין התבודדות-לעבן. גער האָט געזוכט דעם גרויסן כלל-ישראל, אויך דעם טייל פאַר וועמען קאָצקער השגות זיינען געווען צו-הויך, ביי אַ טייל אומפאַרשטענדלעך, און דער "שפת אמת", ווי דער "אמרי אמת", האָבן אַפּעלירט סיי צו די אויבערשטע צען טויזנט ווי צו די ברייטסטע מאַסן חסידים.

די אַלזייטיקע גרויסקייט פון דעם בעל "אמרי אמת", זיין צדקות און גאונות, זיין חכמה און קלאָרער, טיפער שכל הישר, און הויפּטזעכלעך זיין קדושה'דיק לעבן – דאָס אַלץ האָט באַווירקט ברייטע קרייזן, זיינע גוואַלדיקע, פּראַקטישע מעשים לטובת דעם כלל ישראל, וואָס האָבן גערעדט פאַר זיך און עדות געזאָגט אויף דער אחריות, וואָס ער טראָגט פאַר כלל ישראל. ער איז דעריבער געוואָרן דער רבי נישט בלויז פון זיינע צענדליקער טויזנטער חסידים, נאָר ער איז געקרוינט געוואָרן אַלס דער "רבן של ישראל", דער רבי פון פוילישן אידנטום.

"גער" איז געגאַנגען אויף אַן אייגענעם, אָריגינעלן וועג, און אָפּט האָט מען בולט דערקענט דעם אונטערשיד. גער איז טיילמאָל געווען אַן אָפּענער קאָנטראַסט צו "קאָצק", און צו קאָצקער הנהגה. "גער" האָט געהיטן דעם סדר, און "קאָצק" האָט נישט אָנערקענט קיין סדר.

"בשעה שהיה אברהם מהלך בארם נהרים ובארם נחור... כיון שהגיע לסולמה של צור, ראה אותן עוסקין בניכוש בשעת ניכוש, עידור בשעת העידור, אמר הלוואי יהא חלקי בארץ הזאת" (מדרש רבה, לך, פרשה ל"ט, ח'). אברהם אבינו, ווען ער איז צוגעקומען צום אָרט: "סולמה של צור", די גרענעץ פון אָרץ-ישראל, איז ער באַצויבערט געוואָרן פון דעם וואָס ער האָט דאָרט געזען. און וואָס האָט ער דאָרט געזען, וואָס זאָל אַרויסרופן אין אים עקסטאַז, אַזש אויסצורופן מיט התלהבות: "יהא חלקי בארץ הזאת", בעטנדיק אַ הייסע תפילה, אַז ער זאָל זיך קענען דאָרט באַזעצן, ער זאָל זיך קענען דאָרט איינקוואַרטירן? וואָסער זעלטענע דערשיינונג האָט ער דאָרט דערזען? ענטפערן בעלי-מוסר: אברהם אבינו האָט דאָרט געזען סדר, און סדר איז אַ יסוד אין דער בריאה. "ניכוש בשעת ניכוש", מען גראָבט אין דער צייט ווען מען דאַרף גראָבן, מען אַקערט ווען מען דאַרף אַקערן, מען זייט ווען מען דאַרף זייען. זיין באַגייסטערונג פאַר "סולמה של צור" איז אַרויסגערופן געוואָרן פון "בשעת", פון דעם וואָס אַלץ ווערט דאָרט געטאָן אין דער באַשטימטער, פּאַסיקער צייט.

דער הייליקער "חפץ חיים" זאָגט: וואָס מיינט אַ מענטש אַ מתמיד? אַ מתמיד איז נישט דער וואָס לערנט טאָג און נאַכט, עסט נישט, שלאָפט נישט. אַזאַ איינער איז

נישט קיין מתמיד. אַ מתמיד איז דער וואָס טוט אַלץ אין דער נויטיקער צייט. ער לערנט ווען מען דאַרף לערנען, און עסט און שלאָפט, ווען מען דאַרף שלאָפן און עסן. אַנדערש, היט ער נישט דעם סדר אין דער צייט, לערנענדיק אַ גאַנצן טאָג, ער שלאָפט נישט לערנענדיק אַ גאַנצע נאַכט, אַזאַ סדר'לאָזער סדר ברענגט צו ביטול תורה אויפן העכסטן גראַד. זייענדיק מיד פון נישט-שלאָפן, זייענדיק אָפּגעשוואַכט פון נישט-עסן, ברענגט אַזאַ הנהגה צו ביטול תורה פון אַ גאַנצן טאָג, און אַמאָל פון גאַנצע וואָכן.

אברהם אבינו, זעענדיק סדר אין ארם-נהרים, האָט ער דעריבער, מיט התלהבות אויסגערופן: "יהא חלקי בארץ הזאת", ווייל וואו עס הערשט סדר, דאָרט ווירקט דער מעשה-בראשית-כוח פון געטלעכן באַשאַף (אַזוי האָט געזאָגט דער "אַלטער" פון סלאַבאָדקע).

חסידות, ווי די מוסר-פילאָזאָפיע, האָט אַוועקגעשטעלט סדר אַלס באַזיס פאַר דער פונדאַמענטאַלער עקזיסטענץ פון דער בריאה, ווי פון אַ מענטש. האָט "קאָצק", מיט זיינע ליכטיקע אויגן, געזען ווי דער ערדישער מענטש, מיט זיין סדר'לאָזן סדר, צעברעכט דעם הימלישן סדר. האָט קאָצק דעריבער רעוואָלטירט קעגן געוויסע איינגעפונדעוועטע סדרים. קאָצק האָט, שטורעמדיק, רעוואָלוציאָנירט קעגן איינגעוואָרצלטן קאָנווענציאָנאַליזם, וואָס האָט איר שורש אין טיפן שקר. קאָצק האָט צעשמעטערט אַלע דיקע טויערן. אַ בריק געטאָן און צעבראָכן די פאַלשע סדרים, וואָס ברענגען מיט זיך כאַאָס און דיסהאַרמאָניע. וואָס איז דער מענטש? – האָט קאָצק געפרעגט – און געענטפערט: "אַ שטיק בלאָטע", האָט קאָצק געשטורעמט, און דער דאָזיקער בלאָטע-מענטש מאַכט סדרים, צייכנט-אָן קאָנטורן און באַשטימט גרענעצן.

אָן תורה זיינען סדרים פוסט, רויע סטיכיע, פון וועלכער דער מענטש דאַרף אַנטלויפן ווי פון אַ ברענענדיקן פייער. וואָס האָט "קאָצק" געטאָן? ער איז מיט ביידע פיס, לעבעדיקערהייט, אַנטלאָפן פון אַזאַ וועלט. אַנטלאָפן און אָפּגעשלאָסן זיך אין אַ התבודדות-ווינקל, כדי צו זיין וואָס ווייניקער אַ מחותן מיט דער כאַאָטישער, צעווילדעוועטער וועלט.

"גער" האָט צוריק איינגעפירט סדר אין דער חסידישער וועלט. "גער" האָט אָנגעטאָן חסידים זייגערלעך, אויפגעהאָנגען אין בית המדרש אַ וואַנט-זייגער, כדי צו וויסן געניוי די צייט און היטן איר מיט דער געניויסטער פינקטלעכקייט, הייסנדיק די חסידים לעבן מיט אַזאַ שטרענגען קאָנטראָלירטן סדר. דאַוונען אין דער צייט, לערנען אין דער צייט, עסן אין דער צייט, ווייל דאָס נישט היטן די צייט מאַכט חרוב דעם מענטש, פיזיש ווי גייסטיק.

אין פוילן, פאַרן חורבן, איז חסידות גער געוואַקסן. אַלע וועגן האָבן געפירט קיין גער. טויזנטער אידן האָבן געקלאַפּט אויף דער טיר פון גערער רבי'ן. מער ווי איין-איינצלנע מינוט האָט ער יעדן פון זיינע חסידים נישט געקענט שענקן, ווייל דעם רוב פון טאָג האָט ער עוסק געווען אין תורה, געלערנט בהתמדה און געשריבן חידושי תורה, נאָכפאָלגנדיק דעם דרך הלימוד פון דעם "שפת אמת". אין סדר פון גערער רבי'ן זצ"ל איז אויך אַריין אגודת ישראל, פון גערער רבי'ן איז נישט געבליבן אַ ספר אויף ש"ס. אַלע זיינע כתבי-יד זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אין חורבן היטלער, אַחוץ די "מכתבי תורה", וואָס ווייזן בולט אויף זיין גאונות התורה. אָבער איין גרויס מאָנומענטאַל ווערק, איין גרויס הייליק ספר, וואָס ווערט געלערנט דורך אַ גרויסן טייל פון כלל-ישראל, האָט ער איבערגעלאָזט דאָס ספר רופט זיך "אגודת ישראל". אויב אגודת ישראל פאַרזיכערט מיט עולם-הבא די יעניקע וואָס נעמען אַן אָנטייל אין איר אַרבעט און זאָרגן פאַר איר אויפבוי, טאָ איז זיכער אגודת ישראל אַ ספר. וואָס דאַרף אָפּגעהיטן ווערן, אַז עס זאָל נישט פאַרשוועכט ווערן און קיין פרעמדע זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן אין איר היכל הקודש.

טוט דא א קוועטש. זייט אזוי גוט, און אבאנירט דעם "אלגעמיינעם זשורנאל".

Posted on January 22, 2010